# פרשת שמיני

## בס"ד. משיחת כ"ף אדר-שני תשמ"ט

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

יעדער וואך האט דאך זיך איר פרשה וואס האט ספעציעלע אנווייזונגען פארבונדן מיט די פאסירונגען וואס טרעפן אין דער וואך,

עאכו"כ א פאסירונג אז ס'טרעפן זיך צוזאמען מערערע אידן, און וואס יעדערער פון זיי האט א השפעה אויף א גרעסערע צאל אידן, במילא איז בשעת ער איז דא קומט דורך דערויף אויך אן דער "מעסעדזש" ווי מ'זאגט דא, דאס וואס מ'לערנט-אפ דערפון - צו א מערערע צאל אידן,

און טוט דאס אין אזא אופן ווי מ'לערנט דאס אפ אין דער סדרה פון היינטיקער וואך, וואס דארט ווערט דערציילט א פאסירונג וואס איז געווען מיט טויזנטער יארן צוריק, אבער אז מ'טראכט זיך אריין אין דעם - זעט מען גלייך אין דעם די אנווייזונג און די תורה וואס מ'קען אפלערנען דערפון פארן טאג-טעגלעכן לעבן בכלל,

וואס דארט ווערט דערציילט אין דער סדרה, אז בשעת מ'איז געווען אין מדבר,

וואס "מדבר" אין אלגעמיין איז דאך דאס א דוגמא ווי אידן געפינען זיך אין גלות, ווארום אידן געהערן דאך "על שולחן אביהם" - אט דארט וואו ס'איז **געווען** דער בית המקדש, און וואו ס'איז דא דער כותל המערבי מיט אלע ענינים פארבונדן דערמיט,

און בשעת מ'געפינט זיך אין אן אנדער ארט, אפילו אז דאס איז מערניט [ווי] אפגעטיילט בגשמיות, ארטלעך - איז דאס אבער אויך בשעת מעשה איז מען בגלות, ניט אין דעם ארט וואו ס'געפינט זיך דער בית המקדש - אין הר הבית, אפילו ניט - ווי אין ביישפיל פון אונזער ביישפיל - אפילו ניט אין ארץ ישראל בכלל.

דערציילט ער אין דער סדרה, אז בשעת מ'איז געווען אין בית המקדש, האט דער אויבערשטער געהייסן אז אידן זאלן בויען א משכן, און דער משכן זאגט דער אויבער- שטער "ועשו לי מקדש": ער רופט דאס אן אז דאס איז א הייליגע זאך; אע"פ וואס דאס ווערט געמאכט דורך מענטשן - באקומט דאס די הייליגקייט פון דעם אויבערשטן,

ביז אין אזא אופן אז דער אויבערשטער זאגט "**ושכנתי**", אז ער וועט אנשטאט צו זיין פארבונדן מיט הימלען - ווערט ער פארבונדן דוקא מיט אט דעם מקדש אדער משכן וואס אידן בויען אים, און בויען אים אין א **מדבר**, אין א **גלות** -

דער אויבערשטער האט דאך געוואלט, ווי געזאגט, אז דאס זאל געבויט ווערן דוקא דורך בני אדם, דורך מענטשן, דורך אידן -

האט ער אויף דערויף באשטימט און געגעבן ספעציעלע כשרונות צו בצלאל און אהליאב, צו באשטימטע מענטשן אין יענער צייט, אז זיי זאלן דאס קענען דורכפירן אין א **שיינעם** אופן און אין א **גוטן**



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.

אופן, און דער עיקר - אין א שנעלן אופן, כדי דאס זאל זיך אנהויבן דעם אויבערשטנ׳ס "ושכנתי בתוכם" - וואס פריער,

און ווי ס׳ווערט דערציילט אין חומש האט זיך דאס אנגעהויבן אין א קביעות׳ דיקן אופן - ר"ח ניסן, "בחודש הראשון" ובראש חודש, "ביום הראשון" -

וואס דאס איז דאך אויך דער ראש חודש וואס מ׳גייט בענטשן דעם שבת וואס קומט לאחרי זה, און גלייך נאך דערויף איז ראש חודש,

און ס׳ווערט אויך שוין איצטער, זיבן טעג נאך פאר דעם, איז שוין געווען די התחלה, דער "חינוך", די "ערציאונג", דער צוגרייטונג פון די אלע ענינים, ווי דערציילט אין חומש אין דער סדרה.

דערציילט ער אין חומש דערביי א וואונדערליכע זאך, אז בשעת בצלאל און אהליאב, און דערנאך אויך משה ואהרן און די נשיאים פון די שבטים, האבן געטאן אין ערפילן דעם אויבערשטנ׳ס ציווי (אנזאג), און געטאן דאס בשמחה ובטוב לבב, און ס׳איז דורכגעגאנגען שוין (אלע זיבן טעג פון) די ערשטע זיבן טעג כדי צוגע-וואוינען זיך ווי אזוי צו לעבן מיט א משכן און ווי אזוי צו פירן זיך מיט א משכן - איז אויפן אכטן טאג צוגעקומען א נייע זאך.

אין וואס באשטייט די נייע זאך? אז כאטש אפילו דער משכן איז אויפגעבויט געווארן אין דעם בעסטן אופן און אין דעם שנעלסטן אופן, ווארום די בויער זיינען געווען משה ואהרן און בצלאל ואהליאב -

איז האט זיך דער אויבערשטער דערמיט ניט באגנוגנט, און בשעת ס׳איז געקומען נאך די זיבן צוגרייטונגס-טעג - איז געקומען "ויהי ביום השמיני" - די התחלה און די פרשה שני פון היינטיקער סדרה - איז אט דעמולט האט משה רבינו צוזאמענגערופן אלע אידן און האט זיי געזאגט, אז קומט-צוגיין (קלייבט זיך אלע צוזאמען) לעבן דעם משכן, און דעמולט וועט איר זען ווי אזוי דער אויבערשטער אליין באווייזט זיך דורך דעם כבוד ה׳, כאטש אפילו דורך דעם פייער דעם משכן -

אע"פ וואס אויך פריער איז דאך אויך געווען די הצלחה דעם אויבערשטנ׳ס און ס׳איז אלץ אויפגעטאן געווארן דורך דעם אויבערשטנ׳ס אנזאג און לויט דעם אויבער- שטנ׳ס אנזאג, און מיט דעם אויבערשטנ׳ס ברכות -

האט דער אויבערשטער געוואלט נאכמערער, אז מ׳זאל אויך זען מיט עיני בשר (מיט פליישיגע אויגן) זאל מען זען א פייער אדער א וואלקן וואס דער אויבערשטער זאגט-אן אז דארטן געפינט ער זיך און באווייזט זיך נאכמערער ביז וואנענט פליישיגע אויגן זאלן זען,

אפילו אז די נשמה, און אויך דער גוף, האט געוואוסט אויך פון פריער, אין די זיבן טעג - און זיכער אין דעם אנהויבס פון דעם אכטן טאג - אז דא געפינט זיך דער אויבערשטער אליין -

וויל אויך דער אויבערשטער, אז אויך די פליישיגע אויגן זאלן זען די הצלחה וואס מ׳האט דורך דערויף וואס מ׳בויט און מ׳טוט פאר דעם אויבערשטן, דורך פארשפרייטן אידישקייט און פארשפרייטן זיין



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת שמיני

תורה און זיינע מצוות אז דאס זאל געלערנט ווערן און ערפילט-ווערן דורך מערער אידן און נאכמערער אידן, ביז דורך אלע אידן, און דאס זאל באוויזן ווערן אין א זאך וואס אפילו פליישיגע אויגן זעען דאס,

ביז וואנענט אז אפילו די ניט-אידן וואס זיינען ארום זעען אז דאס איז מענטשן, אידן, וואס זיי זיינען דער "אתה בחרתנו", וואס דער אויבערשטער האט זיי אויסגעקליבן אז זיי זאלן מאכן פון דער גשמיות׳דיקער וועלט א דירה לו ית׳,

אויסגעקליבן אין אזא אופן - אז ער פארבינדט דאס מיט ברכות, אז זיי זאל זיין גוט אויך בפשטות - אין פרנסה און אין געלט און אין כבוד און אין אלע גוטע זאכן,

וואס בשעת א איד האט ניט קיין שווערקייטן און האט א ברייטקייט - איז דאך א זיכערע זאך אז סוכ"ס גיט ער צו נאכמערער אין פארשפרייטן צדקה ארום זיך און פארשפרייטן אידישקייט ארום זיך, און טאן דאס אלץ אין א וועג וואס ווערט אלץ מערער און מערער.



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.